וואס ס'איז ניט א עניז וואס קומט אן גרינג אן שווערקייטן, נאר מ'דארף אויף דעם טאן, וואס דאס איז דער ביאור אין א מאדנער דש"י: רש"י שטעלט זיך אויף "לא בשמים היא" (דברים ל, יב) און איז מפרש "שאילו היתה בשמים, היית צריך לעלות אחרי' וללמדה", וואס לכאורה - וואס איז דא שווער אין פסוק?

נאר רש"י זאגט דא אן דעם בן חמש למקרא, אז אין עניין איז טאקע לא בשמים היא, אבער אויב מאיזה סיבה איז דאס יע בשמים, זאלסטו וויסן אז דו ביזט מחוייב "לעלות אחרי' וללמדה", דורך עבודה דוקא,

וואס בנוגע לפועל איז דאס, אז לכאורה קען ער זאגן אז פריער וועט ער פארטיק ווערן מיט די עבודה פון עשי"ת, דערנאך וועט ער טאנצן שמח"ת, און ערשט נאך יו"ט וועט עס הויבט זיך אן דער ויעקב הלך לדרכו, וועט ער טאן אין די עניינים פון די ה' מבצעים, אין דעם עניין פון הדלקת נרות שבת כו',

זאגט מען אים אז יום ג' איז טוב לשמים און טוב לבריות, און עס מוז זיין בײדע זאכן.

עס איז דאך מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל - איז וויבאלד אז דער אויבערשטער מאנט פון אידן אז בא זיי זאל זיין ביידע עניינים טוב לשמים וטוב לבריות, איז דאך פארשטאנדיק, אז אויך דער אויבערשטער גיט אידן, סיי טוב ברוחניות (טוב לשמים) סיי טוב בגשמיות (טוב לבריות),

וואס אידן האבן דאך ביידע מעלות - ניט נאר די מעלה פון "בריות" (שהם בדיותיו של הקב"ה) נאר אויך די מעלה פון "שמים", וואס דאס איז אפילו בכל השנה, ווארום ס'איז דאך "למעשה ידיך תכסוף", ועאכו"כ בעשי"ה,

וועט במילא דער אויבערשטער געבן אידן טוב - וואס דער מיט וועט ער מקיים זיין דעם "טוב לשמים וטוב לבריות" (ווארום אידן האבן דאך ביידע מעלות כנ"ל) - סיי בגשמיות סיי ברוחניות,

אז יעדער איד זאל קענען טאן און מצליח זיין בלימוד התורה ובקיום המצות ובהפצת היהדות והמעיינות, (חסר קצת).

ד. מאמר כעין שיחה עה"פ שובה ישראל.

ה. כרגיל אויף לערנען א פסוק אין חומש מיט פרש"י, וואס ס'איז דא א רש"י וואס האט א שייכות מיט הקהל, וואס דער יאר איז דאך דער סיום פון א שנת הקהל,

וואס די רש"י איז לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק אפי' פאר א בן חמש למקרא ועאכו"כ פאר א גדול,

וואס רש"י שטעלט זיך אויף "תקרא את התורה הזאת" (דברים לא, יא) און איז מפרש "המלך הי' קורא מתחלת אלה הדברים בדאי' במס' סוטה על בימה של עץ שהיו עושין בעזרה",

דארף מען פארשטיין:

א) פון וואנעט ווייס רש"י ע"פ פשוטו של מקרא אז דער מלך האט געלייענט?

ב) מיט צוויי פסוקים פריער שטייט "ויכתב משה את התורה הזאת", וואס דאס איז דער זעלבער לשון וואס עס שטייט דא, און דארט מיינט "את

- התורה הזאת" -



שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 35) 116115 הודפס מאוצר החכמה

ההורה הזאה" גאנץ תורה, און ווי רש"י אליין איז מפרש אז "כשנגמרה כולה נהנה לבני שבטו", איז וואס איז מכריח רש"י צו מחדש זיין אז דא מיינט "אה ההורה הזאה" מער ניט ווי "מהחלת אלה הדברים"?

וואס דאס איז דאך דער טעם וואס רש"י מוז מפרש זיין אז הי' קורא "מהחלת אלה הדברים", כדי מען זאל ניט האבן קיין טעות און לערנען אז דאס מיינט גאנץ תורה, אזוי ווי אין צוויי פסוקים פריער. מען דארף אבער פארשטיין: וואס איז רש"י'ס מקור אויף אזוי לערנען?

ג) צוליב וואס שרייבט רש"י "כדאי' במס' סוטה? רש"י אליין זאגט דאך אז אני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא, איז ממ"נ: אויב דער פי' איז מוכרח אין דרך הפשט, דארף מען ניט קיין ראי' פון מס' סוטה; און אויב דאס איז ניט מוכרח אין דרך הפשט, איז פון מס' סוטה קיין ראי' ניט - דארט איז דער ענין ע"פ דרך ההלכה אדער דרך הפלפול אדער דרך הדרש, אבער דאס איז קיין ראי' ניט ווי דער פי' הפשוט איז, איז צוליב וואס שרייבט רש"י צו כדאי' במס' סוטה?

ד) רש"י'ס ענין איז דאך ניט צו מפרש זיין די פרטי ההלכות יהדינים, איז וואס איז נוגע אין פשטות הכתובים צו וויסן אז דער מלך האט געלייענט "על בימה של עץ שהיו עושין בעזרה"?

נאך מער: בנוגע דאס וואס רש"י שרייבט בתחלת פי' אז "המלך הי' קורא מתחלת אלה הדברים" - וואס דאס איז נוגע צו פשוטו של מקרא, דער פירוש פון "את התורה הזאת" - זיינען פאראן אין משנה במס' סוטה (מא, א) כמה פרטים, וועלכע פרשיות ער האט געלייענט און וועלכע ער האט מדלג געווען, און פונדעסטוועגן ברייננט ניט רש"י די פרטים. [אויך זיינען פאראן נאך פרטים במס' סוטה שם, ולדוגמא - אז דער מלך האט געדארפט מאכן ברכות, צי עס האט געדארפט זיין בעמידה צי בישיבה, וכו', און אויך די פרטים ברייננט ניט רש"י]. איז דאך נאך מער ניט מובן: צוליב וואס ברייננט רש"י, אז ער האט געלייענט "על בימה של עץ שהיו עושין בעזרה"?

איז דאך דערפון מובן, אז די פרטים - (א) אז ער האט געלייענט "על בימה"; (ב) אז די בימה איז געווען "של עץ"; (ג) אז די בימה "היו עושין"; (ד) אז זי איז געווען "בעזרה" - זיינען נוגע צו פשוטו של מקרא. וכמו שיתבאר לקמן.

בנוגע די הערות אויף זהר -

שטייט אין זהר פון היינטיקע סדרה (רפד, ב): תלתא אינון דקיימו בסהדותא כו' באר דיצחק, גורל, ואבנא דשוי יהושע, און ער איז מפרש: באר דיצחק מנלן, דכתיב בעבור תהי' לי לעדה וגו'.

שטעלט זיך דער טאטע אין די הערות, און פרעגט: דער פסוק בעבור תהי' לי לעדה (בראשית כא, ל) שטייט גאר בא אברהם'ן, איז פארוואס רופט איס אן דער זהר "באר דיצחק"? און ער ענטפערט, אז דאס איז מצד דערוף וואס באר דאברהם סתמו פלשתים אחרי מותו, ויצחק חפרו מחדש, הייסט ער דערפאר באר דיצחק.

אין פירוש הרמ"ז (ר' משה זכות) אויף זהר, פרעגט ער אויך די קשיא הנ"ל, אז דער פסוק בעבור תהי' לי לעדה שטייט בא אברהם'ן, און ער ענטפערט: "הבאר שחפר (אברהם) הוא באר דיצחק".

דארף מען פארשטיין:

- דער רמ"ז ברייננט זיך אין חסידות זייער א סך מאל, און בפרט פון צ"צ וואס ברייננט איס אראפ כמעט אין יעדער ארט וואו ער ברייננט א ענין פון זהר, און ביז אז עס זיינען דא ענינים אין כתבי האריז"ל וואס מ'ווייס זיי נאר פון רמ"ז -



שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 36) 116115
הודפס מאוצר החכמה

און אעפ"י אז ער האט נאך דערווײלע גאר ניט געטאן, ער האט זיך ערשט מגייר געווען - איז אבער פאר דעם אליין וואס ער האט זיך מגייר געווען, קומט אים שוין א שכר נפלא. ווי עס שטייט אין רות "ישלם ה׳ פעלך ותהי משכורתך שלימה מעם ה׳ אלקי ישראל [איבער דעם, וואס] אשר באת לחסות תחת כנפיו".

וואס דאס איז דער ביאור אין א מאדנעם מדרש: אויף די ווערטער "ישלם ה׳ פעלך ותהי משכורתך שלימה מעם ה׳" זאגט דער מדרש "אשר באת לחסות תחת כנפיו". ולכאורה: די ווערטער "אשר באת לחסות תחת כנפיו" שטייען דאך אין פסוק, איז וואס איז דער מדרש מחדש דורך זיין מעתיק זיין דעם לשון הפסוק?

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז דער מדרש איז דא מדגיש, אז דער "ישלם ה׳ פעלך ותהי משכורתך שלימה מעם ה׳" איז ניט מצד עניינים צדדים [ווי ס׳איז דא מפרשים וואס ווילן לערנען אז דער שכר איז געווען דערפאר וואס רות איז געווען א בת מלך, אדער אויף דעם וואס ס׳איז שפעטער ארויס געקומען פון איר דוד המלך], נאר פאר דעם אליין וואס "באת לחסות תחת כנפיו", וואס זי האט זיך מגייר געווען.

און וויבאלד אז פאר דעם גיור אליין קומט אים שוין א שכר נפלא - האט דאך ניט קיין ארט צו זאגן, אז מען זאל אפווארטן אריינגעמען אים צווישן אלע אידן.

ובפרט נאך לפי מ"ש הרמב"ם (אין זיין תשובה צו ר׳ עובדי׳ הגר), אז א גר האט נאך א מעלה איבער אלע אידן, אז א גר איז בנו של מי שאמר והי׳ העולם.

וכאן המקום דערמאנען בנוגע דעם ענין וואס מען האט שוין גערעדט כמה פעמים. עס זיינען דא קלים וריקים וואס ווילן אפקילן און זאגן אז ס׳איז ניט געפערלאך אז מ׳וועט אים ניט אריינעמען לע"ע, און וואס איז אזוי דער שטורעם אין דעם

- אז ער וועט ניט זיין א מיניסטער איז דאס יע א סכנה, אבער אז מ׳וועט ניט אריינעמען א גר איז מה רעש -

דארף מען וויסן, אז אריינעמען "גרך אשר בשעריך" איז נוגע צו גאנץ כלל ישראל, כנ"ל בארוכה. ונוסף לזה: מאכן א חילוק פון א גר ביז אנדערע אידן, איז פארבונדן ניט נאר מיט איין לאו נאר מיט ל"ו אדער מ"ו אזהרות (ב"מ נט, סע"ב), וואס אויך אזהרות זיינען לאוין, און דער חילוק איז נאר בנוגע צו מלקות, אז די לאוין שאין בהם מלקות ווערן אנגערופן אזהרות, און די וואס יש בהם מלקות הייסן לאוין, אבערביידע האבן דעם חומר פון לאוין.

וואס ס׳איז ניט וואס דער דיבור בזה בעשי"ת קען אים שאטן בגוף ועאכו"כ בנשמה, ווארום ניט ער רעדט דאס - דאס רעדט אין אים יצרו הרע, וואס אנסו, און מ׳דארף נאר זען אז עס זאל בטל ווערן יצרו הרע,

ויה"ר אז אין די טעג פון קירוב המאור אל הניצוץ, וואס יעמולט שיינט אריין דער מאור מצד בחות המאור צו יעדער אידן, ניט קוקנדיק אויף די חושך אין וואס ער האט זיך אריינגעלייגט, זאל דאס פועל׳ן פעולתו.

ע"כ בנוגע די עניינים שהזמן גרמא, און בנוגע די רש"י -

פריער שטייט "בבא כל ישראל לראות את פני ה"א וגו׳", וואס דאס איז ל׳ רבים, און דערנאך שטייט "תקרא את התורה הזאת" ל׳ יחיד,

הנחת הת׳ בלתי מוגה 21 - וואס מ׳קען -

וואס מ'קען ניט זאגן אז מ'מיינט די זקני ישראל, וואס ווערן דערמאנט מיט א פאר פסוקים פריער, ווארום עס שטייט דאך תקרא ל' יחיד,

וואס דערפאר איז דש"י מוכרח צו לערנען אז דאס מיינט מען יהושע וואס ער איז געווען דער מלך, און דאס איז וואס רש"י זאגט אז "המלך הי' קורא",

דערנאך איז רש"י ממשיך "מתחלת אלה הדברים", וואס בשעת דער בן חמש לערנט אז מ'דארף לייענען את התורה הזאת ווערט ביי אים שווער צוויי זאכן, און דערפאר מוז רש"י זאגן אז דאס מיינט מען נאר "מתחלת אלה הדברים",

וואס עס ווערט אים שווער איז: א) אויב "את התורה הזאת" מיינט אז דער מלך האט געדארפט לייענען גאנץ תורה, פון בראשית ביז סוף דברים, איז ווי האט זיך דער מלך בעקענט איספראווען און האבן גענוג צייט אויף לייענען אזוי פיל, און בפשוטו של מקרא איז דאס ניט גלאטיק?

ב) וויבאלד אז עס שטייט שפעטער אז דער תכלית פון די קריאה איז "למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה' וגו'", איז פארוואס דארף מען לייענען ספר בראשית, וואס דאס איז דאך נאר סיפורים פון די אבות, וואס דאס האט ניט צוטאן מיט למען ישמעו ולמען ילמדו וגו'?

ועד"ז בנוגע צו ספר שמות, זיינען דא מער ניט ווי געציילטע פרשיות וואס האבן אין זיך דינים און הלכות, אבער רוב הספר איז ניט נוגע צו דעם למען ישמעו וגו',

ועד"ז ספר ויקרא איז דאך רובו וועגן די קרבנות, וואס דאס איז דאך שייך נאר צו כהנים,

ווערט ביי דעם בן חמש א קשיא: פארוואס לייענט מען די גאנצע תורה, בשעת רובו איז ניט פארבונדן מיט "למען ישמעו ולמען ילמדו וגו' לעשות את כל דברי התורה הזאת"?

אויף דעם ענטפערט רש"י, אז דער מלך האט געלייענט נאר "מתחלת אלה הדברים, אבער ניט מער.

ואעפ"י אז דער לשון הפסוק איז "תקרא את התורה הזאת" – קען מען לערנען (אויך בפשוטו של מקרא) אז "את התורה הזאת" מיינט בלויז ספר דברים, ווייל פון ספר דברים הויבט זיך אן א נייער ענין – אלה הדברים אשר דיבר משה. און ווי מ'זעט אויך אז דאס ווערט אנגערופן בשם "משנה תורה" – משנה צו גאנץ תורה. איז במילא קען מען זאגן (אויך אין דרך הפשט) אז מיט "את התורה הזאת" מיינט מען ניט גאנץ תורה, נאר ספר דברים אליין.

און דאס איז אויך וואס רש"י איז מדייק און שרייבט "מתחלת אלה הדברים", און ניט "מתחלת ספר זה", אדער "מתחלת חומש זה" וכיו"ב – ווייל מיטן לשון "מתחלת אלה הדברים" איז רש"י מסביר, ווי עס פאסט צו דעם "את התורה הזאת": וויבאלד אז דאס איז ניט בלויז א נייער חומש [ע"ד ווי די חומשים שלפנ"ז], נאר ס'איז "אלה הדברים" (דאס איז די דברים וואס משה האט אנגעהויבן איבער'חזר'ן פאר אידן די גאנצע תורה). דערפאר קען דאס הייסן "את התורה הזאת"

אויב דער תלמיד איז אבער א תלמיד מקשיב, וועט ער נאך פרעגן א קשיא: אין חומש דברים גופא זיינען דאך פאראן ענינים וואס זיינען ניט שייך צו "למען ישמעו וגו' ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת", ולדוגמא – דער סדר פון די ברכות וכו' אויף הר גריזים און הר עיבל, וכיו"ב, איז פארוואס לייענט מען גאנץ ספר דברים?

הנחת הה' בלתי מוגה

– אויף דעם –



שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 40) 116115 הודפס מאוצר החכמה

אויף דעם זאגט רש"י "כדאיתא במס' סוטה", וואס דארט שטייט טאקע אז מ'האט ניט בעלייענט גאנץ ספר דברים, נאר מ'האט מדלג געווען אויף געוויסע פרשיות, איז בשעת דער תלמיד וועט נאכקוקן וואס עס שטייט אין מס' סוטה, וועט אראפגיין זיין קשיא.

נאר וויבאלד אז דאס איז ניט אזא שטארקע קשיא ע"ד הפשט, ס'איז מער ניט וואס בא א תלמיד מקשיב קען נתעורר ווערן די שאלה – דערפאר זאגט ניט רש"י בפירוש אז מען האט מדלג געווען פרשיות, און שרייבט נאר "כדאיתא במס' סוטה".

און רש"י איז מדייק "כדאי' במס' סוטה", ווארום ס'איז דא ווי דער ענין שטייט אין תוספתא, אבער דער סדר הקריאה שבתוספתא איז ניט ע"ד הפשט, דערפאר איז רש"י מדייק "כדאיתא במס' סוטה".

דער נאך איז רש"י ממשיך "על בימה", וואס דאס פארענטפערט אויך א קושיא וואס דער בן חמש למקרא פרעגט: ער האט שוין פריער געלערנט אז אידן אפי' בשעת זיי זיינען נאך געווען אין מדבר איז זייער מספר געווען שש מאות אלף לבד מנשים וטף, וואס דאס איז א ריבוי עצום, און פון דעם איז פארשטאנדיק אז זייענדיק שפעטער אין א"י איז דער מספר געווען נאך גרעסער,

און ווי עס שטייט אז דער מחנה פון די אידן איז געווען ג' פרסא (און אן די אהלים, עכ"פ א פרסא צו א האלבער פרסא), וואס דאס איז דאך א גרויסער שטח, איז די וואס זיינען געשטאנען לעבן מלך האבן געקענט הערן; די וואס זיינען געשטאנען אביסל ווייטער האבן אויך געקענט הערן, אבער ווי איז שייך אז אלע אידן זאלן הערן און עס זאל זיין דער "נגד כל ישראל באזניהם"?

וואס אזוי בשעת משה האט גערעדט מיט אידן, איז קיין קשיא ניט ווי אלע אידן האבן אים געהערט, ווארום עס קען זיין אז דער אהל מועד איז געווען העכער פון דעם שטח ארום דעם אהל מועד וכו'. ונוסף לזה: עס שטייט ניט ערגעץ אז עס האט געדארפט זיין "באזניהם". אבער דא איז ניט פארשטאנדיק ווי האבן אלע אידן געהערט די קריאה?

און אויב דאס איז געווען א נס, האט דאס ערגעץ געדארפט שטיין אין פסוק?

אויף דעם ענטפערט רש"י אז דער מלך איז געשטאנען אויף א בימה, וואס דאס איז מקום גבוה, און במילא האבן אלע געקענט הערן.

ביי דעם בן חמש איז אבער אלץ שווער: אויב אזוי קומט אויס אז ס'איז געשטאנען א בימה אין ביהמ"ק וואס מ'האט איר געניצט מער ניט ווי אחת לשבע שנים, וואס דאס איז ניט גלאטיק: ער האט פריער געלערנט אז די אלע כלים אין ביהמ"ק און אין משכן האט מען געניצט בכל יום, וואס די מנורה האט מען דארט אנגעצונדן ליכט יעדן טאג, און עד"ז די אנדערע כלים, און אפי' דעם קדשי הקדשים האט מען גענוצט עכ"פ איין מאל אין יאר (און יעמולט האט זיך אויפגעטאן די כפרה אויף א גאנצן יאר – אחת בשנה יכפר),

אבער דא זאגט מען אים אז ס'איז געווען א בימה וואס מ'האט געניצט נאר איין מאל אין זיבן יאר?

אויף דעם איז רש"י ממשיך "שהיו עושין", ד.ה. אז מ'האט דאס געבויט ספעציעל פאר הקהל, און נאך הקהל האט מען דאס פאנאנדער גענומען.

דא פרעגט דער בן חמש למקרא אן אנדער שאלה: אויב מ'האט געבויט די בימה און מ'האט דאס גענוצט אין ביהמ"ק, איז ווי אזוי האט מען דאס



שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 41) 116115 הודפס מאוצר החכמה

שפעטער געמעגט פאנאנדער-נעמען? ער האט דאך פריער געלערנט (דברים יב, ד) "לא תעשון כן לה׳ אלקיכם", ד.ה. ווי רש"י איז דארט מפרש אז מ׳טאר ניט סותר זיין א ענין וואס איז שייך צום ביהמ"ק?

אויף דעם ענטפערט רש"י, אז די בימה איז געווען "של עץ", וואס לפי"ז בייט אראפ די קשיא: רש"י האט פריער מפרש געווען אז דער איסור פון לא תעשון כן לה"א איז א אזהרה "למוחק את השם, ולנותץ אבן מן המזבח" אבער אויף עץ איז ניטא קיין איסור. און דערפאר שרייבט רש"י אז די בימה איז געווען "של עץ".

דא קען אבער לכאורה נאך אלץ זיין א קשיא: מען האט דאך געלערנט פריער (דברים טז, כא) לא תטע לך גו׳ כל עץ, איז ווי האט מען געקענט מאכן א בימה של עץ אין ביהמ"ק?

איז אבער די שאלה האט שוין רש"י באווארנט פריער: אויפן פסוק לא תטע גו׳ זאגט רש"י "אזהרה לנוטע אילן גו׳ בהר הבית", משא"כ אויף מאכן א בימה איז ניטא קיין איסור.

[און דא זעט מען ווי אין רש"י איז אלץ בדיוק: עס שטייט אין משנה (מגילה ה, א), אז בשעת יום הקהל (מוצאי יו"ט) איז געווען שבת, וואלט מען מאכן הקהל א טאג שפעטער.

פארוואס האט מען ניט געמאכט מוצאי יו"ט - זאגט דער ירושלמי "מפני הבימה", ווייל'ע שבת האט מען ניט געקענט אויפשטעלן די בימה. פרעגט דער ירושלמי "ויעשו אותה מאתמול", אז מען זאל מאכן די בימה ערב יו"ט? און ער ענטפערט צוויי תירוצים: איין תירוץ "שלא לדחוק כו׳", און א צווייטן תירוץ "על שם לא תטע לך אשרה כל עץ".

וואס לכאורה - פארוואס באווארנט דאס ניט רש"י?

נאר לפרש"י האט דאס ניט קיין שייכות צו דעם איסור פון לא תטע וגו׳, ווארום רש"י איז מפרש אויף לא תטע לך אשרה - "אזהרה לנוטע אילן כו׳ בהר הבית", אבער אויף א ענין של בימה איז ניטא דער איסור].

דערביי איז נאך אבער שווער ביים קינד: הקהל איז דאך געווען אין ביהמ"ק, און אלע אידן האבן בעדארפט זיין דערביי, איז ווי האבן זיי געמעגט אריינגיין אין ביהמ"ק, אפי׳ די זרים?

אויף דעם זאגט רש"י אז דער בימה האט מען אוועק-געשטעלט אין דער עזרה, וואס דארטן האבן אלע אידן געמעגט אריינגיין, און דערפאר לייגט צו רש"י (שהיו עושין) "בעזרה",

וואס דא זעט מען ווי אין רש"י איז יעדער ווארט בתכלית הדיוק, דערביי איז נאך געבליבן די ענינים פון "יינה של תורה" וואס ס׳איז דא אין פרש"י, וכפי שית׳ לקמן.

ז. בנוגע די הערות אויף זהר, איז צום סוף פון די הערה צייכנט ער צו - צו מעיין זיין אין תו"א ר"פ תולדות. און בשעת מען איז מעיין אין תו"א שם, זעט מען, אז ע"פ חסידות איז מער מתאים דער פי׳ ווי ער איז מפרש אין די הערה, און ניט כפי׳ הרמ"ז.

וואס דארט איז מבואר דער חילוק פון עבודה (און בארוה) דאברהם, און עבודה (ובארות) דיצחק, אז די עבודה פון אברהם איז געווען - המשכה מלמעלה למטה. ד.ה. אז זיין עבודה איז געווען אין קו החסד, וכמ"ש אברהם אוהבי, וואס דערפאר איז זיין עבודה געווען אין הכנסת אורחים, וואס דאס איז דאך א ענין פון המשכה מלמעלה למטה,

הנחת הת׳ בלתי מוגה — און ווי —



שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 42) 116115 הודפס מאוצר החכמה

און ווי מ'זעט בפשטות אז דער אורח האט ניט די ענינים פון אכו"ש ולינה כו' און דער מכניס אורח גיט דאס אים, וואס דאס איז א ענין פון המשכה והשפעה מלמעלה למטה,

משא"כ די עבודה פון יצחק איז - העלאה מלמטה למעלה, קו הגבורה, וכמ"ש פחד יצחק הי' לי. וואס דערפאר איז זיין עבודה געווען אין חפירת בארות, צו אראפנעמען די עפר וכו' המכסים על המים, און מעלה זיין די מים של הבאר הנובעים מלמטה למעלה.

ועפי"ז איז ער מבאר דעם טעם פון דעם וואס די בארות שחפר אברהם סתמום פלשתים, און דוקא לאחרי ווי יצחק האט זיי חופר געווען האבן זיי געהאט א קיום - ווייל מצד דעם ענין פון חסד (אברהם), קען זיין א יניקה לחיצונים. משא"כ מצד בחינת הגבורה, חפירה דיצחק.

וואס דער ביאור אין דעם איז מובן ע"פ המבואר בתו"א פרשת בשלח (סא, סע"ב ואילך) בארוכה:

חסד איז התפשטות והרחבה. און פון דעם קען שפעטער ארויסקומען הרחבה אין לעו"ז. ד.ה. אז נאך דעם וואס בעת התפלה איז בא אים געווען די התעוררות האהבה והשמחה בקדושה, איז דערנאך לאחרי התפלה, ווען דער אור אלקי איז שוין בא אים ניט מאיר, עס איז אבער בא אים פארבליבן די תנועה פון התפשטות והרחבה - קען זיין, אז דערפון זאל ארויסקומען התפשטות והתרחבות בלעו"ז.

וואס דאס איז דער ביאור אויף דערויף וואס דער באר שחפר אברהם איז סתמום פלשתים דוקא (און ניט קיין אנדער אומה), ווארום פלשים איז מל' מבוי המפולש.

און דאס איז אויך דער ביאור אויף דערויף וואס דעם באר האט מען סותם געווען לאחר הסתלקות אברהם דוקא, ווייל בעת התפלה גופא, הערט עד דאך דעם אור אלקי. נאר דוקא לאחרי מות אברהם, ווען ער איז שוין לאחרי התפלה און בייט אוועק אין הנהג בהם מנהג דרך ארץ, איז וויבאלד אז ביי אים איז פארבליבן די ברייטקייט און די התפשטות פון זיין עבודה, קען זיין א יניקה צו פלשתים (הרחבה) דקליפה.

און בכדי דאס צו באווארענען, דארף מען האבן די עבודה בבחי' גבורה, וואס מצד דעם וואס אין די עבודה פון גבורה שטייט ער אין א תנועה פון כווץ און צמצום, קען דארט ניט זיין קיין יניקה צו פלשתים. און דערפאר איז ווען יצחק (בחי' גבורה) האט חופר געווען די בארות מחדש, האבן זיי געהאט א קיום און ס'איז ניט געווען שייך אז פלשתים זאלן זיי סותם זיין נאכאמאל.

אבער אעפ"כ איז די חפירה דיצחק אליין ניט גענוג, און מען האט בעדארפט האבן אז (אויך) אברהם זאל חופר זיין די בארות - ווייל מען דארף האבן אויך די עבודה אין קו החסד והאהבה, וואס ליח פולחנא כפולחנא דרחימותא,

נאר אין דערויף קען זיין צוויי אופנים, וואס דאס איז דער חילוק פון פירוש הרמ"ז מיט דעם פירוש פון טאטן.

איין אופן איז - אז דער עיקר העבודה באשטייט אין קבלת עול, כווץ וצמצום, נאר אזוי ווי עס דארף זיין עבדו את ה' בשמחה, איז פאראן אין זיין עבודה אויך שמחה.

וואס דאס איז דער פירוש הרמ"ז, אז די בארות גופא זיינען בארות יצחק, נאר ס'איז פאראן אין דעם אויך די עבודה דאברהם, שחפר את בארו של יצחק.

<u>הנחה הח' בלתי מוגה</u> — 25 — - א צווייטער אופן

שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 43) 116115 הודפס מאוצר החכמה

א צווייטער אופן איז – אז דער עיקר העבודה באשטייט אין אהבה ושמחה. נאר בכדי צו באווארענען אז עס זאל ניט זיין קיין יניקה צו פלשתים דלעו"ז, דארף מען האבן אז די אהבה ושמחה זאל זיין ע"י עבודה דקבלת עול.

און ווי ער איז מבאר אין תו"א (בשלח שם), בפירוש הפסוק ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא גו׳, אז בתחילת העבודה קען מען ניט אנפאנגען גלייך מיט שמחה, ווייל עס קען זיין א יניקה לבחי׳ פלשתים דלעו"ז, און דערפאר האט געדארפט זיין דער ויסב גו׳ דרך המדבר וואס דאס איז די הקדמה פון יו״אה וקב"ע. אבער לאחרי די הקדמה, קען זיין שמחה בהתגלות. וואס אזוי איז דאך אויך בפשטות, אז נאך דעם וואס "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים גו׳ ויסב גו׳ דרך המדבר גו׳", איז נאך דעם האט מען איינגענומען אויך ארץ פלשתים.

און דערפאר לערנט דער סאמע אז דער באר גופא איז באר דאברהם, ס׳איז מער ניט וואס אין דעם איז געווען אויך די חפירה דיצחק – ווייל ווי דער ענין איז ע"פ חסידות, אז דער עיקר העבודה איז אהבה [וכמבואר בארוכה אין קונטרס העבודה אז יראה איז דא אויך במשך כל היום; און דער אויפטו פון עבודת התפלה איז אז יעמולט קומט מען צו צו אהבה], נאר עס דארף זיין די הכנה פון יראה וקב"ע, חפירה דיצחק.

וואס דער פי׳ איז מער מתאים אויך מצד פשטות הכתובים: אין פשטות האט דאך <u>אברהם</u> חופר געווען דעם באר, און דאס איז געווען פאר לידת יצחק, קען מען דאך ניט זאגן, אז דאס איז באר דיצחק.

וואס די צוויי ענינים געפינט מען אויך אין די עבודה פון אלול און אין די עבודה פון חודש תשרי: פריער דארף זיין די עבודה אין אן אופן פון וגילו ברעדה, וואס דאס איז בראש השנה וואס יעמולט איז דער גילה מכוסה ונעלם אין דעם רעדה – וואס דאס איז ע"ד פי׳ הרמ"ז,

און דערנאך קומט די שמחה משולשת פון חגה"ס און ביז די שמחה פון שמח"ת, וואס דאס איז דער תכלית העבודה, נאר פריער דארף זיין די הכנה און די הקדמה פון בכסה, און שפעטער קומט דאס ארויס בגילוי ליום חגינו,

און ביז מ׳וועט טאנצן מיט די ספרי תורה בקבלת פני מ"צ, בקרוב ממש.

בנוגע צו די יינה של תורה וואס ס׳איז דא אין פרש"י:

ביי יעדער איד איז דא א ביהמ"ק בלבו וואס אין דעם ביהמ"ק קען קיין גוי ניט האבן א שליטה, און די עבודה פון א איד איז אויף מאכן חלונות שקופים אטומים, אז פון זיין ביהמ"ק זאל ארויסגיין און עס זאל אנקומען די ליכטיקייט אין אלע כחות הנפש און אין מחשבה דבור ומעשה,

וואס דאס איז דער ענין פון קיבוץ כל הכחות שלו אז זיי זאלן זיין כדבעי, וואס אזוי ווי ס׳איז בכללות דא דער ענין פון צוזאמענקלייבן אלע אידן אנשים נשים וטף, עד"ז איז דאס בפרטיות ביי יעדער איד אויף צוזאמענ-קלייבן אלע זיינע כחות,

וואס דאס איז דער ענין פון משם יקבצך ה"א, וואס דאס גייט אויף דעם קיבוץ פון זיינע מחשבות דבורים און מעשים וואס זיינען פארלארן געגאנגען.

און אויף דעם זאגט מען, אז ווער איז קורא בתורה פאר דעם גאנצן עם, ד.ה. ווער דארף ארויסנעמען די הוראה פאר אלע כחות הנפש "המלך הי׳ קורא".

<u>הנחת הח׳ בלתי מוגה</u> – וואס בנפש –



שיחות קודש - תשל"ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 44) 116115 הודפס מאוצר החכמה

וואס בנפש האדם איז "המלך" דער ענין פון קב"ע, כמבואר בספהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך, אז דער ענין פון א מלך איז צו ממשיך זיין בכל ישראל דעם ביטול פון קבלת עול.

און דער טעם פארוואס דער מלך דארף זיין דער קורא איז ווייל בשעת דאס קומט מצד רגש צי מצד שכל וכו' איז מעגליך אז עס זאל זיך אריינמישן א ענין פון שוחד וכו', ווארום עס הערט זיך נאך אן זיין מציאות, אבער בשעת דאס קומט מצד ביטול בקב"ע איז ניט שייך אז עס זאל זיך אריינמישן א ענין פון שוחד.

וואס אזוי איז אויך בפשטות אז בא א מלך איז ניטא קיין חשש פון שוחד, ווייל א מלך דארף צו קיינעם ניט אנקומען, ווי דער דין איז אז א מלך איז אסור בעשיית מלאכה (וואס אפי' א פרנס הממונה על הציבור איז אסור בעשיית מלאכה בפני ג' ועאכו"כ א מלך), (חסר קצת).

און די קריאה דארף זיין על בימה, וואס דער ענין בזה איז אז עס דארף זיין דער לעולם ירגיז אדם וכו', וואס דאס איז א ענין פון רוממות, וואס דאס איז אויך דער שטורעם פון שום תשים עליך מלך, מיט די אלע פרטים וואס ס'איז דא אין דעם.

ואעפ"כ, קען ניט זיין בתמידות די עבודה פון ואתהלכה ברחבה, נאר עס דארף זיין א בימה של <u>עץ</u>, ד.ה. אז עס דארף אויך זיין דער ענין פון ביטול, וכמא' אז מלך כיון שכרע שוב אינו זוקף, און ווי דוד מלך ישראל האט געזאגט שיחי ודוממתי, און דאס איז דער ענין פון א בימה של עץ, אז דער ענין הבימה (רוממות) איז ניט באופן של קביעות.

און רש"י איז ממשיך "שהיו עושין בעזרה", ד.ה. אז נוסף אויף דעם וואס די בימה (רוממות) איז ניט בקביעות, איז אויך אין די זמנים ווען עס דארף זיין ענין הבימה - איז דאס נאר "בעזרה", ד.ה. אז אויך אין די זמנים ווען עס דארף זיין די רוממות, זאל ער דאס ניצן נאר אין ענייני קדושה. אבער בשעת דאס איז ניט בעזרה דארף ניט זיין דער בימה, וואס דערפאר איז בשעת רחבעם - אעפ"י אז ער איז געווען בנו של שלמה המלך וואס וישב שלמה על כסא ה', פונדעסטוועגן - ווען ער האט געוואלט נוצן די רוממות המלוכה ניט אויף עניינים של קדושה, האט עס ניט געטויגט, כמסופר בתנ"ך.

און הגם אז מ'זאגט אן דעם מלך אז ער זאל וויסן אז מלך שמחל על כבודו איז אין כבודו מחול, אבער ביחד עם זה דארף ער אויך וויסן אז דאס איז נאר בשעת ער געפינט זיך אין עזרה.

וואס דער ענין פון מלך איז שייך בכאו"א מישראל, וכמבואר אין ספר המצות להצ"צ מצות מינוי מלך אז דאס איז דער טעם וואס שמואל האט ניט מסכים געווען צו זאלבן א מלך, ווארום ער האט געהאלטן אז יעדער איד האט בכח צוקומען צו די דרגא פון א מלך.

ובמילא האט יעדער איד בכח, אז עס זאל ביי אים זיין דער אמר מלכא עקר טורא, אז ער האט ניט וואס צו נתפעל ווערן פון די גאנצע וועלט, ועאכו"כ פון דעם יצה"ר וואס נדמה להם כהר.

און עס ווערט דער ועבדי דוד נשיא עליהם לעולם, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

* * *

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



שיחות קודש - תשל״ה א / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק 116115 (עמוד 45)
הודפס מאוצר החכמה